# Digitales Brandenburg

## hosted by Universitätsbibliothek Potsdam


# Rebe Meʾir Bal ha-Nes

**Mezaḥ, Yehoshuʻa**

**Ṿilna, 662 [1901 oder 1902]**

אי.

urn:nbn:de:kobv:517-vlib-12911

Visual Library

רבי מאיר האט
גרויס שרעק האט זיא געטאהן אזויא וויא

איהר באפוילען • האט רבי מאיר געזאגט צוא
— יעצט גייא צו הויזע — האט רבי מאיר געזאגט צוא
איהר — אונ זאג דיין מאן; די האסט מיר באפוילען צו שפייען
איהם אין פנים איין מאל אונ איך האב איהם געשפייעט
זיבען מאל;

וויא דיא פרויא מיט דיא שכנים זיינען אוועק געגאנגען;
האבען רבי מאיר'ס תלמידים געזאגט צו איהם: רבנו! וויא אזוי
ערלויבסט דו א פרעמדע פרויא זאל דיר שפייען אין פנים? דאס
איז דאך אשאנדע פאר דער תורה. אלע חכמים וואס וועלען
הערען וואס דוא האסט זיך ערלויבט מען זאל דיר טאהן, וועלין
נייא דאך פון דיר לאכען.

— צו ליב שלום — האט רבי מאיר געזאגט — דארף מען
אלעס טאהן. גאטט האט צו ליב שלום צו ווישען מאן אונ ווייב
געהייסען (באפוילען) מען זאל זיין נאמען אבמעקען אין דיא
„ביטערע וואסער" דאס הייסט ווען אמאן האט חושד געווען זיין
פרויא דאס זיא איז איהם אונטרייא . . . פאלש, פלעגט דער
כהן אויפשרייבען גאטטעס נאמען אונ אבמעקען אין דאס וואסער
אזוי וויא דיא הייליגע תורה שרייבט, דארפען מיר זינדיגע מענשען
געוויס ניט שטאלץ זיין. מיר דארפען זיך ערלויבען צוא טאהן
אקליינינקייט וויא אשפייא אין פנים, אבי צו ליב דעם וועט זיין
צו ווישען מאן אונ פרויא שלום ושלוה.

## י״א.

רבי מאיר האט געהאט אשוועגערין (די ווייבס אשוועסטער)
זייער אשיינע מעדכען, דיא רויסער האבען איהר געפאנגען
גענומען אונ אוועק געשיקט אין רוים, זייא האבען איהר
איינגעשפארט
(ר״ם בעל הנס)

געשפאַרט אין געפיינגענים ניט וואו אַרעסטאַנטען זיצען, נור וואו אַלע אָרדענטליכע מענשען זיינען.

רבי מאיר'ס פרויא האט זיך זייער געשעמט דאס איהר שוועסטער זאל זיין אין אזא שענדליכע הויז, האט זיא געבעטען איהר מאַן ער זאל שנעל גיין נאך רוים איהר בעפרייען פון דיא מערדער.

— איך וועל גיין — האט רבי מאיר געזאגט — אונ אויב זיא איז נאך פרום אונ אונשולדיג, וועט געוויס גאָט מיט מיר מאַכען איין נס איך זאל איהר קענען בעפרייען. רבי מאיר האט גענומען פיל געלד מיט זיך, ער האט זיך פארקליידעט וויא ארוימישער ריטער, אויף ניין געזיכט האט ער אָהן געצויגען אַמאַסקע, אונ ער איז געקומען אין דאס הויז וואו זיין שוועגערין איז געווען, וויא ער האט זיך איבערצייגט דאס זיא איז אונשולדיג, האט ער אַראָפ גינומען די מאַסקע פון זיין פנים, האט זיא אים ערקאַנט, זיא האט זיך אַזוי ערשראָקען אַז זיא האט ניט גיקאָנט ריידען מיט איהם אַ וואָרט, זיא האט נור געוויינט, רבי מאיר האט איהר געטרייסט, גערעדט מיט איהר נעטע רייד, ער האט צו איהר געזאָגט, וויין ניט מיין שוועסטער, איך וועל דיר בעפרייען ווייל איך האָף צו גאָט דאס ער וועט מיר טאָהן איין נס איך זאל דיר קענען אוים לייזען פון דיא מערדערישע הענד, אונ פון דעם שענדליכען אָרט.

רבי מאיר האט שטאַרק געבעטען דעם סמאַטריטעל פון יענע הויז, ער זאל דאס מיידכען בעפרייען ער האט איהם גינעבען פיעל גאָלדשטיקע אונ ער האט צוא איהם געזאָגט: אויב דער קעניג וועט איהר פאָדערען פון דיין האַנד, וועסט דוא איהם געבען העלפט פון דיא גאָלדשטיקע אונ דיא צווייטע העלפט וועט בלייבען פאר דיר, דוא ווייסט דאך דאס מיט געלט פאר ענטפערט מען אַלע פראַגען...

*) בעל חנם

— פילייכט וועט אָבער דיא געלד גראָדע דעם מאָל ניט העלפען ? — האָט דער שמאַטריטעל גיפרעגט.

— אויב דוא וועסט מיר היינט טאָהן דיא טובה און איהר בּעפרייען — האָט רבי מאיר געזאָגט — וועט מיין גאָט דיר מציל זיין פון אַלע אונגליקען, איך וועל דיר איבּער געבּען אַשפּרוך פון עטליכע ווערטער, דוא וועסט זאָגען „מאיר׳ס גאָט ענטפער מיר“. אַט דיא קורצע געבּעט וועט דיך רעטטען פון אַלע צרות.

— גיבּ מיר אַצייכען אַז דאָס איז אמת וויא דוא זאָגסט — האָט דער שמאַטריטעל געזאָגט.

— גוט האָט רבי מאיר גיענטפערט — איך וועל דיר בּאַווייזען אַריכטיגען צייכען, אַט בּייא איך זיינען פאַראַן הינט וואָס קאָנען צו רייסען אַמענשען און איהם אויף עסען, פּרוּבּיר מאַך זייא לויז פון דיא קייטען, איך וועל אויף זייא וואַרפען שטיקער ערד, וועלען זייא דאָך געווים בּייז ווערען און זייא וועלין לויפען צו מיר שלעכטעס טאָהן, אָבער וויא איך וועל זאָגען „מאיר׳ס גאָט ענטפער מיך“. וועלען זייא מיר ניט קאָנען קיין שלעכטעס טאָהן, דאַרפסט דוא אַבּעסערען צייכען ? .

דער סמאַטריטעל האָט לויז געמאַכט דיא הינט פון זייערע קייטען און רבּי מאיר האָט אויף זייא געוואָרפען שטיקער ערד. זיינען דיא הינט געלאָפען צו איהם, זייא האָבען איהם געוואָלט צו רייסען, האָט רבי מאיר געזאָגט: מאיר׳ס גאָט ענטפער מיך" זיינען דיא הינט שטיל געבּליבען, זייא האָבען גיט געבּילט און איהם קיינע שלעכטעס גיט געטאָהן.

וויא דער סמאַטריטעל האָט דאָס גיזעהען, האָט ער בּייא איהם צו גענומען דאָס געלד, און דאָס מיידכען האָט ער בּעפרייט, האָט איהר רבי מאיר צו גענומען און זייא זיינען אַנטלאָפען.

נאָכדעם האָט זיך דער קעניג דער וואוסט פון דער זאַכע וואָס דער סמאַטריטעל האָט געטאָהן, איז דער קעניג שטאַרק אין בּעס געוואָרען און ער האָט בּעפוילען זיינע קנעכט זייא

(ר״מ בעל הנס)

נָאלְעֶן אִיהם אוֹיפְהַייְנְגֶען, וַויאַזַדִיא קֶנֶעכְט הָאבֶּען אִיהם גִיוָואלְט אוֹיפְהַייְנְגֶען הָאט דָער סְטַאטְרִיטֶעל גֶעזָאגְט: „מַאִירְ'ס נָאמְט עֶנְטְפָער מִיר“! דָעם קֶענִיגְס קְנֶעכְט הָאבֶען אִיהם נִיט נֶעקָאנְט אוֹיפְהַייְנְגֶען. דָער קֶענִיג הָאט דִיא זַאךְ גִיהֶערְט. הָאט עֶר זִיךְ זֵייעֶר גֶעווָאוּנְדֶערְט, דָער סְטַאטְרִיטֶעל הָאט דָעם קֶענִיג עֶרְצֵיילְט וָואס רבי מאיר הָאט גֶעמָאכְט אוּנ וָואס עֶר הָאט אִיהם בֶּעפוֹילֶען, אִיז דָער קֶענִיג אִין כַּעַס גֶעוָוארֶען אוֹיף רבי מאיר'ן, עֶר הָאט גֶענוּמֶען זַיין בִּילְד אוּנ הָאט קוֹפִּירְט פוּן אִיהם פִיל בִּילְדֶער אוּנ עֶר הָאט צוּ שִׁיקְט אִין גַאנְצֶען לַאנְד רוּים, אוּנ דָער קֶענִיג הָאט גֶעלָאזְט בֶּעקַאנְט מַאכֶען: וֶוער עֶס וֶועט כַאפֶּען רבי מאיר'ן וֶועט אִיהם דָער קֶענִיג רַייךְ מַאכֶען.

דָער קֶענִיג הָאט אַרוֹיס גֶעשִׁיקְט שְׁפִּיאָנֶען זוּכֶען אִיהם. אַמָאל הָאבֶען אִיהם דִיא שְׁפִּיאָנֶען גֶעטְרָאפֶען אִיז עֶר פוּן זֵייא אַנְטְלָאפֶען אִין אַשֶׁענְדְלִיכֶע הוֹיז, אַנְדֶערֶע זָאגֶען דָאס אֵלִיָהוּ הַנָבִיא הָאט זִיךְ פַאר קְלֵיידֶעט אִין פְרוֹיעֶן קְלֵיידֶער אוּנ זֵייא הָאבֶען זִיךְ גֶעקוּשְׁט, אִין יֶענֶער צֵייט הָאט מֶען גֶעגֶעסֶען טְרֵיפָה פְלֵייש, הָאט רבי מאיר גֶענוּמֶען מִיט זַיין הַאנְד אַשְׁטִיקֶעל טְרֵיפָה פְלֵייש אוּנ עֶר הָאט זִיךְ גֶעמַאכְט עֶסְסֶענְדִיג, וְויא דִיא שְׁפִּיאָנֶען הָאבֶען דָאס גִיזֶעהֶען הָאבֶען זֵייא גֶעזָאגְט: דָאס אִיז נִיט רבי מאיר דָער יוּדִישֶׁער גִילֶעהְרְטֶער וָועלְכֶען מִיר זוּכֶען. יֶענֶער רבי מאיר וֶועט זִיךְ נִיט קוּשֶׁען מִיט אַיין נְקֵבָה אוּנ עֶר וֶועט נִיט עֶסְסֶען טְרֵיפָה פְלֵייש, דוּרְךְ דָעם אִיז רבי מאיר גִירֶעטֶעט גִיוָוארֶען פוּן זֵייעֶרֶע הֶענְד, אוּנ עֶר אִיז אַנְטְלָאפֶען אִין בָּבֶל.

## יב.

רבי מאיר אוּנ רבי יְהוּדָה אוּנ רבי יוֹסֵי זַיינֶען אַיין מָאל גֶעגַאנְגֶען אוֹיף דָעם וֶועג. עֶרֶב שַׁבָּת זַיינֶען זֵייא גֶעקוּמֶען אִין אַפְרֶעמְדֶע שְׁטָאדְט אוּנ זֵייא הָאבֶען אַיינְגֶעקֶערְט אִין אַהָאטֶעל.